# זעקת החינוך (גליון קפד)

Tel. 020-3514-6632 / Fax: 020-3925-7853

**הגליון טעון גניזה**
עכ"ז גיבן מיר אכטונג נישט צו שרייבן
קיין פסוקים במילואם

## ונרצה לו לכפר עליו.

**אמר רבי אסי, מפני מה מתחילין לתינוקות בתורת כהנים, יתחילו להן מבראשית, אמר הקדוש ברוך הוא הואיל והתינוקות טהורים והקרבנות טהורים יבואו טהורים ויתעסקו בטהרות.** (ילקוט שמעוני ויקרא פ"ו)

רב אסי האט געזאגט, פארוואס פאנגען קינדער אן צו לערנען **ויקרא**, מען וואלט דאך געדארפט אנהייבן מיט זיי פון **בראשית ?** נאר דער אויבערשטער האט געזאגט, וויבאלד די קינדער זענען ריין [פון עבירות] און די קרבנות זענען ריין [מען ווערט דורך זיי ריין פון עבירות], זאלן קומען די טהורים [די ריינע קינדער] און לערנען פון טהרות [קרבנות].

פארשטייט מען פון דעם מדרש, ווי שטארק מען דארף מקפיד זיין אויף די **טהרה** די ריינקייט פון די קליינע קינדער, וואס כאטש זיי פארשטייען נאך נישט קיין סאך, איז אבער זייער **הבל פיהם** ווען זיי לערנען תורה **בטהרה** בוקע רקיעים, עס שפאלט אלע הימלען (ווי מיר האבן געברענגט פאריגע וואך פון ש"ך על התורה). אזוי ווייט, אז ווען א קינד הייבט אן צו לערנען, זאל מען נישט לערנען פון **בראשית**, כאטש די גאנצע תורה איז דאך **כולו מרועה אחד נתנו**, נאר מען זאל אויסקלויבן דוקא דעם ענין פון **טהרות**, **יבואו טהורים ויתעסקו בטהרות**, מען זאל אויסקלויבן צו לערנען מיט די קינדער דוקא פון די הייליגע קרבנות.

דעריבער ווי שטארק דארפן מיר ארויסנעמען פון דעם א מוסר, ווי ווייט עס ליגט אויף אונז א חוב אפצוהיטן די קליינע קינדער, נאך ווען זיי זענען נאך אלס גאר קליין, (ווי דער **ש"ך על התורה** הנ"ל, ברענגט אז אפילו אזעלכע קינדער וואס זאגן נאך אויף א **רי"ש** א **לי"ש**, זיי קענען נאך נישט אפילו גוט ארויס זאגן די אותיות), דארפן מיר גאר שטארק אכטונג געבן עס זאל חלילה נישט אנקומען צו זיי קיין שום טומאות מיט קיין גוי'אישקייטן ח"ו, זיי זאלן אריינקומען אין א הייליגן חדר, וואס איז גענצליך הייליג און ריין פון יעדע דרויסנדיגע השפעה, אזוי ווי עס איז אלע מאל געווען ביי ערליכע יודן, ווי מיר אלע געדענקען, ווען מיר אליין זענען אריינגעקומען אין הייליגן חדר, עס איז נישט געווען דארט קיין שמץ פון קיין גוי'אישקייטן ח"ו, עס איז דעמאלטס קיינעם אזוינס נישט בייגעפאלן, עס איז געווען נאר **כולו קדושה כולו טהרה**, און אזוי האבן מיר אנגעהויבן די יונגע יאהרן אין הייליגן חדר.

דאס איז געווען אזוי ביי אלע קהילות, אן א אויסנאם, און אזוי איז אויך היינט ביי די ערליכע חדרים, די וואס לאזן נישט אריין דעם גוי מכל וכל, דער גאנצער חדר בכל פרטיה איז **כולו קדושה וטהרה**, די קליינע קינדער זעהען זיך אן דארט <u>נאר</u> מיט ענינים של תורה ויר"ש, אלע אנדערע זאכן לאזט מען בכלל נישט אריין דארט.

ביז ליידער **הדשים מקרוב באו**, די סטרא אחרא וואס האלט ביי די לעצטע שטאפלען פאר די גאולה שלימה ב"ב, און גיבן זיך ארויס מיטן שטארקסטן כח וואס זיי פארמאגן, בבחינת **אין גבור כמתייאש**, ווען זיי זעהען אז זיי האלטן ביי זייער סוף, קומען זיי ארויס מיט אלע כוחות וואס זיי האבן נאר, - און וויבאלד דער **הבל פיהם של תינוקות של בית רבן**, איז פון די גרעסטע זאכן וואס האלט אן די קדושה אויף די וועלט, האבן זיי זיך פארלייגט דוקא דארט מיט מורא'דיגע כוחות, - אמאל פלעגט דאס זיין מיט גזירות רעות, תפיסה און פייניגונגען, אבער היינט איז דאס שוין ארויס פון די מאדע (דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער), היינט קומען זיי **בדרכי פיתוי**, זיי טיילן ריזיגע געלטער, אלץ כדי בייצוקומען דעם לעצטן **כח הקדושה** וואס שטייט זיי ווי אביין אין האלז און ווי א דארן אין די אויגן.

און ליידער נישט אלע האבן דעם כח עומד צו זיין אין דעם **נסיון העושר**, ווען מען טיילט אזעלכע ריזיגע געלטער, כאטש זיי - די גוים - שרייבן קלאר אין זייער אגענדע וואס זייער ציל איז, זיי שרייבן קלאר אז דער עיקר ציל צו וואס זיי ווילן צוקומען איז, צו פארוואסערן די הייליגע אמונה רח״ל אין די הערצער פון די יונגע קינדערלעך ה״י, צו פארוואסערן דעם דרך הקדושה פון יודישע קינדער, זיי ווילן בכל הכוחות מאכן לכה״פ א שפאלט אין דעם, ״מען זאל נישט נאכגיין דעם **דרך האמונה והקדושה** גענצליך״ ח״ו, נאר ״מיט איין אויג זאל מען קוקן אויף די גוי׳אישע גאס״ חלילה, ״אויפן גוי׳אישן דרך החיים״ רח״ל, ״לכה״פ ווי נאך א אפציע״ עפ״ל, דאס ווילן זיי אריינברענגען אין אונזערע קינדער זייטיגוועגס טיף אונטער זייער באוואוסטזיין, ווי מיר האבן שוין ציטירט מפיהם ומפי כתבם פון זייערע אפיציעלע ביכער, וואס איז געווען מפורסם אין גליון **חינוך לדורות** (שמות תש״פ), וואס דארט ברענגען די גוים ארויס זייער טריפה׳נעם ציל קליפ-און-קלאר, דער גליון איז מעתיק פון דעם Advice Book פון די Department of Education קלאר און אפען אין 2 שורות זייער טמא׳נעם תכלית, וזה לשונם הטמא:

….more at ease with ambiguity and conflicting ideas and therefore will be less likely to rigidly endorse a binary worldview, and dogmatic, inflexible beliefs.

איבערטייטש: **[די קינדער וואס ווערן** [רח"ל] **ערצויגן ווערן מיט אפסטעד עדיוקעישן וועלן זיין] ...מער באקוועם** [עפ"ל] **מיט פארשידענע שיטות און פארקערטע מחשבה גענג, און דערפאר וועלן זיי ווארשיינליך נישט האבן אזא הארטן בליק אויף זאכן, און וועלן נישט זיין פעסט און קלאר אין זייער אומבויגזאמע אמונה!!!**

**עס ווערט דערציטערט יעדעס יודיש הארץ נאר לייענדיג די טמא׳נע ווערטער זייערע ימש״ו!**

דאס מיינט אין אנדערע ווערטער אז עס איז צום האפן אז די קינדער וואס וועלן באקומען אזא ערציאונג, וועלן נישט זעהן אלעס ׳גוט אדער שלעכט׳, נאר אלעס וועט זיין פארוואסערט, ״יעדע שיטה האט א פלאץ״ רח״ל, ״יעדער איז בארעכטיגט אויף זיין מיינונג״, ׳מינות׳ וועט האבן ביי זיי אין הארץ א פלאץ, רח״ל! ׳תועבה׳ וועט האבן ביי זיי אין הארץ א פלאץ! רחמנא יצילנו! **ועלובה עיסה שנחתומה מעיד עלי׳.**

ליידער בעווה״ר איז מקויים געווארן דער פסוק אין די תורה **כי השוחד יעור עיני חכמים**, די מענטשן וואס זענען נהנה פון אט די טמא׳נע געלטער, זיי קענען ניטאמאל זעהן דעם פשוט׳ן אמת אין דעם ענין, זיי רעדן זיך איין, און פראביר איינרעדן אנדערע אויך, אז מען וועט נעמען די טריפה׳נע געלטער און נאך אלץ וועט מען זיך קענען אפהיטן פון די גוי׳אישע טומאות. און אזוי ליידער הייבט מען אן ארייצוברענגען אין די חדרים און מיידל-שולעס איין גוי׳אישקייט נאכן צווייטן, די וועגט זענען ליידער אנגעפילט מיט ׳סעקולארע׳ בילדער, ווי יעדער איינער זעהט דאס בכל עת וזמן, און ליידער לעצטנס האט מען אנגעהויבן אריינצולייגן סעקולארע ענינים אויך אין די לימודי קודש, און אויסדרייען ענינים של תורה אויף סעקולאר, פוסטע גוי׳אישע מושגים, מיט א שרעקליכן אויסמיש פון **קדושה** און **חול**, וואס דערציטערט דאס הארץ פון יעדן ערליכן יוד וואס זעהט עס, אויף יעדע זאך זאגט מען כסדר, ״דאס איז דאך נישט אסור עפ״י שו״ע״, און אזוי זינקט די שיף אלץ טיפער און טיפער, און די קעפ פון אונזערע הייליגע קינדער ווערן אנגעפילט טאג נאך טאג מער און מער מיטן גוי׳אישן מהלך. אפשר פון דרויסן זעהט מען גארנישט אן, ווייל דער חורבן זעהט מען נישט אזוי שנעל אויף חיצוניות׳דיגע זאכן, דער חורבן פאסירט טיף אינעווייניג אין הארץ, ווי די כופרים און מנוולים שרייבן דאס אליין, די געלט אבער טוט בלינד מאכן די אויגן אפילו פון ערליכע יודן, ערליכע מנהלים, און פשוט מען זעהט נישט און מען הערט נישט, און אזוי פירט מען רח״ל אראפ די מוסדות

פון דעם ערליכן וועג ה"י. - אמת טאקע אז מען לערנט נאך דארט און מען דאוונט נאך דארט, און מען וועט דאס נאך טאן בפשטות אויך אין די קומענדיגע 10 יאהר, אבער די שוואכקייט אין אמונה - דאס פאסירט טיף אין די הערצער **שוין היינט** רח"ל! **דאס וועט מען זעהן אויף למעשה נאר בשעת נסיון ה"י**, ווען עס קומט א שטורעם-ווינט, וואס דאן, נאר די ביימער וואס האבן גאר פעסטע יסודות, נאר זיי לעבן דאס איבער, אבער די אנדערע ביימער, די מיט שוואכע יסודות, וואס כאטש אין געווענליכע צייטן זעהט מען נישט קיין שום חילוק צווישן די צוויי מיני ביימער, אבער אין א צייט פון א שטורעם ווינט, דאן דערקענט זיך דער גרויסער חילוק, די ערשטע שטייען פעסט און די אנדערע פאלן ווי די פליגן, אבער דאן איז שוין ליידער לאנג צו שפעט צו קענען עפעס פארעכטן.

זאל דער אויבערשטער אונז העלפן אין אט די הייליגע **ימים המבורכים**, די הייליגע און געבענטשטע טעג פון חודש ניסן, ער זאל אריינשיינען **מאוצר מתנת חנם** די ליכטיגקייט פון **אמונה** אין יודישע הערצער, אז מיר זאלן זיך קענען מתגבר זיין אויף די טומאה וואס וויל אונז גענצליך איינשלונגען רח"ל, און עס זאל מקויים ווערן **כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות**, דער אויבערשטער זאל אויפהייבן יודישע קינדער, און בקרוב שיקן דעם **גואל צדק, בניסן נגאלו ובניסן עתידין להיגאל בב"א.**

---

ב"ה

לכבוד הגליון החשוב הי"ו

איך האב געוואלט צוברענגען וואס דער הייליגער **בני יששכר** שרייבט (אגרא דפרקא אות קכ"ו) בענין וואס שטייט אין די וואכעדיגע סדרה, אז ביי א **קרבן** פון **עופות** זאגט די תורה אז דער 'זפק', דער פלאץ וואו די עסן גייט אריין ווען דער עוף שלינגט דאס איין, דאס זאל מען נישט ברענגען אויפן מזבח, ברענגט ער דעם טעם, ווייל וויבאלד דער עוף עסט פון איבעראל אימער, אויך פון גזל, ממילא איז עס נישט לרצון פארן אויבערשטן אז מען זאל דאס ברענגען אויפן מזבח, - ברענגט ער דארט צו פון הייליגן רבי ר' מענדעלע מרימענאוו, וז"ל: **אמר כבוד אדמו"ר הרב הקדוש מה"ר מנחם מענדל על מה שהוא מן התימא, שאנחנו רואין כמה פעמים הילדים בקטנותם הולכים לבית רבם ומתמידים בלמוד תורתם, ומתפללים בכוונה, ועונים איש"ר, ואמן, ומיישרים אורחותם, ואח"כ כשמתגדלים מתהפכים ח"ו במדות גרועות ומבטלים התורה והתפלה וכיוצא, ומאין יתהווה זה, הרי התורה שלמדו בקטנותם והוא הבל שאין בו חטא היה מהראוי שתעמוד למשען להם ויוסיפו אומץ בנפשותם כי מצוה גוררת מצוה, ואמר הוא ז"ל שהוא על שאבותם האכילו אותם ממון גזל, שסיגלו ע"י משא ומתן שאינו באמונה, ונתפטמו באיסורים, ושב להם לבשר מבשרם, ועי"ז נולדים להם תאות ומדות גרועות וכו'.** ומבאר שם שזכות האמונה הוא תיקן לזה וממשיך: **סיעתא לדברינו הנ"ל, שבזכות אמונה בלב שלם ניצול האדם ממדות רעות הנטבעים בנפשו בחומריותו ע"י שנתפטם באיסור, והוא דאמרו רז"ל [מכילתא בשלח פרשה ו'] בזכות אמונה נגאלו אבותינו ממצרים דכתיב [שמות ד לא] ויאמן העם, ואמרו בזוהר (שמות דף ג') [ע"א] בפסוק [משלי כג ו] אל תלחם את לחם רע עין, <u>דאלמלי לא הוו טעמו ישראל נהמא דמצראי לא היו באים לידי שעבוד</u>, והנה ע"י שטעמו מלחמם קנו לעצמם איכות החומריות ומדות רעות, ובזכות אמונה נגאלו ממצרים אשר בשר חמורים בשרם, הרי לפניך מבואר כמ"ש.**

<u>איבערטייטש פונעם תוכן:</u> דער הייליגער רבי ר' מענדעלע האט געפרעגט, אז עס איז א וואונדער אז מיר זעהען אסאך מאל, קינדער וואס גייען אין חדר און לערנען פלייסיג און דאווענען בכוונה און ענטפערן אמן יהא שמיה רבא און פירן זיך אין גלייכן וועג, אבער ווען זיי ווערן עלטער, ווערן זיי איבערגעדרייט מיט שלעכטע מדות, און לערנען נישט און דאווענען נישט א.א.וו. - איז פון וואו קומט דאס? די תורה וואס זיי האבן געלערנט אין זייערע יונגע יאהרן איז דאך **הבל פיהם שאין בהם חטא** וואלט דאך פאסיג געווען אז די תורה זאל זיי ביישטיין און זאל זיי צוגעבן קדושה, ווייל **מצוה גוררת מצוה**?

האט ער געענטפערט, אז דאס איז ווייל זייערע עלטערן האבן זיי געגעבן צו עסן פון געלט פון גזל,

געלט וואס זיי האבן פארדינט פון נישט האנדלען ערליך, און די עסן איז געווארן א חלק פון זיי אליין, און דורך דעם ווערט ביי זיי געבוירן תאוות און שלעכטע מדות.

און ער זאגט דארט ווייטער, אז דער זכות פון אמונה, דאס קען ביישטיין פאר א מענטש אז ער זאל ניצול ווערן פון שלעכטע מדות (וואס קומט פון נישט ערליכע געלט), און דאס זאגן אונז חז"ל אז אין זכות פון אמונה זענען אונזערע עלטערן געווארן אויסגעלייזט פון מצרים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק **ויאמן העם**, און דער **זוהר הק'** זאגט אז **אויב יודן וואלטן נישט נהנה געווען פון די מצריים דאן וואלטן די מצריים נישט געהאט אויף זיי קיין שום שליטה**, און דורך דעם וואס די יודן האבן געגעסן פון זייער ברויט (פון די מצריים) האבן זיי קונה געווען די גוי'אישע אייגנשאפטן און זייערע שלעכטע מדות, און אין זכות פון די אמונה זענען זיי אויסגעלייזט געווארן פון מצרים. - זעהט מען פון דעם אז אמונה איז א תיקון צו דעם וואס מען האט נהנה געווען פון די גוים. - ע"כ מספה"ק **בני יששכר**.

עס איז אמת אז דער רבי ר' מענדעלע זי"ע רעדט פון גזל, אבער מען קען דערפון פארשטיין אז דאס זעלבע אדער ענליך פאסירט אויך פון אלע סארטן טמא'נע געלטער, (דער **אגרא דפרקא** ברענגט דאך א ראי' פון מצרים, וואס דארט רעדט מען פון סתם גוי'אישע געלט, נישט פון גזל), און פון די הייליגע ווערטער זעהט מען ווי מורא'דיג שעדליך איז דער נעמען די אלע טמא'נע גוי'אישע געלטער, **ספעציעל ווען דער גאנצער ציל פון גיבן די טמא'נע געלטער איז אויסצורייסן די הייליגע אמונה פון די הערצער פון די תנוקות של בית רבן ה"י.**

און דא קומט נאך צו מער, - ווי דער **בני יששכר** שרייבט - דער תיקון צו דעם וואס מען האט גענומען אט די געלטער, אז עס זאל נישט שאדטן, איז די הייליגע אמונה, - אבער דא האט די סטרא אחרא אונז פארלאפן דעם וועג, אז די געלטער טיילן זיי דוקא אויף אויסצורייסן די אמונה רח"ל, די געלטער מאכט אונז שוואך אין די הייליגע אמונה, ואנא אנחנו באים צו קענען מתקן זיין אט דעם שרעקליכן פראבלעם, - ווען די גוים וואלטן געגעבן די געלטער סתם אזוי, דאן איז נאך דא א תיקון זיך מחזק צו זיין אין די נסיונות פון **אמונה**, און דאס וועט אונז מחזיר זיין למוטב אויפן ריכטיגן וועג, אבער אויב די געלטער טוען דירעקט שוואך מאכן די הייליגע אמונה איז דאך נישט שייך דאס מתקן צו זיין.

חוץ פון דעם רעדט ער דאך דארט ווען מען וויל מתקן זיין אויף א 'חטא' פון די פארגאנגענהייט, מען האט זיך שוין אפגעשיידט פון דעם 'חטא', און מען וויל נאר פארעכטן די שאדנס וואס דער 'חטא' האט גורם געווען, - אויב אבער איז מען **טובל ושרץ בידו**, מען האלט אין איין זינדיגן ווייטער, מען נעמט נאך אלץ די טמא'נע געלטער, איז ווי איז שייך מתקן צו זיין דעם גרויסן פגם.

זאל דער אויבערשטער אונז אלע דערלייכטן די אויגן און מיר זאלן זיך אפטיילן פון די **נהמא דמצראי**, זיך אפשאקלען פון די טריפה'נע מצרי'שע געלטער, דאן וועלן מיר זוכה זיין צום **אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב, ויגאלנו גאולת עולם בב"א.**

מוקירכם הכו"ח ( - )

---

בס"ד

חודש אדר תשפ"ג לפ"ק

לכבוד הציבור החשוב שליט"א

אכתוב כאן בעזהשי"ת מה שהראה לי אחד מידידיי בשנה שעברה, בענין אלו שמונעים לשלוח בניהם ובנותיהם למוסדות שאינם תחת אפסטע"ד, משום שלו' בית.

כתב הרה"ק ר' צבי הירש מליסקא בספה"ק אך פרי תבואה, וז"ל, **דהנה ידוע דכמה פעמים כשאדם חפץ לעשות מצוה, אשתו מושלת עליו ומונעת אותו מזה, אמנם זה הי' מחמת שגם נפשו אינה רוצה לעשות מרצון כל לבו, ומה שאצלו הי' בהעלם הוא אצלה בנגלה, מפני שהאשה היא ההתגלות הבעל וכו'.**

**והנה מחמת שישראל הביאו והתנדבו בכל לבם למלאכת המשכן, לכן לא היתה שום אשה מוחה בדבר, וזהו ויבואו האנשים על הנשים, מחמת ש'כל נדיב לב' הביאו ודו"ק.**

הכו"ח בתקוה להתחזק ביחד בטהרת החינוך, - יושע פאגעל